# די לעצטע האָפענונג

— אַז איך זאָל וועלן, קען איך אַריינגיין צו חיים שוואַרצ־מאַן, וואָלט ער מיר געוויס געליען עטלעכע רובל; ער איז מיינער אַ גוטער באַקאַנטער, ער וואָלט מיר געוויס, געוויס געליען, ער איז אַן איי־דעלער מאַן...

אַזוי פלעגט לייזער שטענדיק זאָגן אין שטוב, ווען עס פלעגט אויסקומען זייער ענג, ווען דער קאַלטער ווינטער פלעגט זיך פלוצים אונטעררוקן און עס איז קיין האָלץ ניט געווען; ווען עס פלעגט אַ פסח קומען און עס איז אויף קיין מצה ניט געווען; ווען עס פלעגט אַ קינד קראַנק ווערן און עס איז אויף קיין דאָקטער ניט געווען...

ווען ער פלעגט דאָס זאָגן, פלעגט ער ניט קוקן די שטוביקע אין פּנים אַריין. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס רעדט ער צו זיין באָרד, אויף וועלכער ער פלעגט דעמאָלט קוקן מיט ישוב הדעת און מיט דרך ארץ. נאָר זיין באָרד האָט דאָס פון אים שוין עטלעכע מאָל געהערט און פלעגט ניט נתפעל ווערן פון זיין זיכערן טאָן. עס האָט אויסגעוויזן, אַז די באָרד האָט זיך שוין אין זיין רייכן גביר, זיין באַקאַנטן, לאַנג מיאש געווען.

אַנדערש, אָבער, האָט עס געווירקט אויף לייזערס ווייב, חנהן. זי פלעגט אָן זיינע ווערטער זיך אָנכאַפּן, ווי איינער, וואָס טרינקט זיך, אָן אַ שטרוי, און פלעגט יעדעס מאָל אים דערויף ענטפערן:

— דו קענסט נאָר ריידן, טאָן קענסטו גאָרניט. וואָלסטו טאַקע אַמאָל אַריינגיין צו אים! אָט נעם, טו אָן די שבתדיקע קאַפּאָטע און גיי אַריין.

— ער וואָלט געוויס, געוויס געליען! — פלעגט לייזער אַלץ טענהן זיינס — מיר זיינען אַמאָל חברים געווען, ער וואָלט מיך דער־קענט!... אַ חידוש, צי ער וואָלט מיך דערקענט! — פלעגט שוין לייזער העכערן דעם טאָן און אָנהייבן מיט אַן אַנדער ניגון — ווי לאַנג, אַז מיר האָבן זיך ניט געזען, מיינסטו?.. עס וועט זיין סך הכל אַ...

— טאָ לייג טאַקע ניט אָפּ און גיי שוין אַריין, — פלעגט די

ווייב אים ניט לאָזן ענדיקן זיינע זכרונות: — מען פאַלט דאָך שוין פאַר אַ גראַשן.

— ער וואָלט געוויס געליען! — פלעגט לייזער, אָנשטאָט צו ענט־פערן חנהן, אַלץ ריידן צו זיין באָרד...

עס האָט אויסגעוויזן, אַז דער געדאַנק, אַז ער וואָלט אים געוויס געליען, איז אים טייערער ווי דאָס געלט, און ער האָט די ליבע האָפע־נונג ניט געוואָלט אַזוי גיך פאַרשווענדן פאַר עטלעכע רובל.

— זאָל זיך וואַלגערן אַ האָפענונג! — פלעגט ער ווי באַשליסן אין געדאַנק.

— נו, איז וואָס? דו גייסט, צי ניט? — פלעגט דאָס ווייב טרייבן אים.

— לייען וואָלט ער געוויס געליען, — האָט ער אַלץ געטענהט זיינס — נאָר איך וויל ניט גיין, איך האָב נאָך צייט! אפשר וועלן מיר זיך איצטער אַרויסדרייען אָן אים... גאָט וועט העלפן...

— רעדט און רעדט, און ווי עס קומט צו טאָן, איז גאָרניט — אוי, שלימזל, וואָס וועט זיין פון דיר?.. — פלעגט חנה שאָקלען מיטן קאָפּ און איר געקנייטשט פּנים פלעגט ווערן געקנייטשטער און אירע פאַרלאָשענע אויגן — פאַרלאָשענער...

נאָר לייזערן פלעגט עס ניט אָרן: זי איז אַ יידענע! זי קען ניט פאַרשטיין, וואָס אַ האָפענונג באַדייט!... וואָס וועט זיין שוין די פּעולה, אַז ער וועט גיין צום באַקאַנטן און לייען די עטלעכע רובל?.. זיי וועלן גלייך צעשלאָגן ווערן און ער וועט בלייבן אָן געלט און אָן אַ האָפענונג... און אַז עס וועט ווידער קומען זייער אָן ענגע צייט — (ווייניק ענגע צייטן האָט ער?) וואָס וועט ער דעמאָלט טאָן?... אָן אַ שטיקל האָפענונג אַפילו בלייבן?... משוגע קען מען ווערן.

— לייען, אָבער, וואָלט ער געוויס געליען! — פלעגט ער ענדיקן הויך זיינע מחשבות און שמייכלען.

נאָר די ווייב האָט אים שוין ניט געענטפערט דעמאָלט. זי איז געווען ברוגז.

— אַ נאַרישע יידענע, זי פאַרשטייט גאָרניט, גאָרניט, לגמרי גאָר־ניט... — האָט ער אין געדאַנק געלאַכט.

אַזוי זיינען פאַרבייגעפלויגן פיל יאָרן. און אין די פילע יאָרן זיינען

אַן גאַנצע שיך... אין די פילע יאָרן זיינען פיל פסחס געווען, ווי
האָבן מצה געפאָדערט. אין די פילע יאָרן זיינען פיל מאָל די קינדערל
קראַנק געווען, האָבן אַ דאָקטער געפאָדערט און עס איז ניט געווי
פאַר וואָס צו רופן; אין די פילע יאָרן זיינען אַ דריי קינדער ג
שטאָרבן און עס איז ניט געווען פאַר וואָס אין קאַלטע קברימלעך
אַריינלייגן, ווייל קברימלעך פאַר קינדער קאָסטן אויך געלט. אַלץ ה
געטראָפן אין די פילע יאָרן און לייזער האָט זיך געשטאַרקט און
צו זיין באַקאַנטן גביר אַלץ ניט געגאַנגען. ער האָט נאָר אין יעד
ענגער צייט געטענהט: — לייען וואָלט ער געוויס געליען, נאָר א
וויל נאָך ניט אַריינגיין... זאָל נאָך זיין... עס וועט צו ניץ קומען
אַנדערש מאָל...

לייזער, ביי וועלכן דער בייזער שונא — דאָס לעבן — האָט אַ
אָוועקגערויבט, האָט ניט געקענט אַזוי גיך אונטערגעבן זיך מיט
לעצטער נחמה, מיט דער האָפענונג, און ביז דעם לעצטן טראָפן בי
האָט ער זיך פאַרטיידיקט פון שונאס נעגל...

די לעצטע צייט, אָבער, האָט דער שונא אים מיט שטורעם גע
מען, און לייזערן איז ענג געוואָרן, אַז ער האָט זיך ניט געקענט אַ
טאָן. עס האָט זיך דער ווינטער אָנגערוקט, אַ קינד איז קראַנק געווע
דאָס אייוועלע איז איינגעפאַלן, אַ בעט האָט זיך צעבראָכן, זיינע שט
האָבן שוין מער קיין לאַטעס ניט געוואָלט צונעמען, פון דער טיר
די קליאַמקע אַרויסגעפאַלן און פאַרלוירן געוואָרן און די טיר
אָפן געווען, און אַ ווינט, אַ בייזער ווינט, האָט אין שטיבל אַריינ
בלאָזן... עס האָט אויסגעוויזן, אַז די נויט, די אַלטע מיאוסע מכש
האָט אים אָנגענומען מיט אירע דאַרע, קאַלטע הענט און האָט
געוואָלט דערשטיקן, און ער האָט זיך געריסן פון אירע אָרעמס.
רייסנדיק זיך אַזוי, האָט ער באַשלאָסן צו גיין צו זיין באַקאַנטן:
— איך גיי צו חיים שוואַרצמאַן לייען עטלעכע רובל, — האָט ער
מעלדעט אין שטוב.

נאָר אין זיין שטים האָט שוין ניט געקלונגען יענע זיכערקייט
ער וועט געוויס לייען; אים האָט זיך געדאַכט, אַז עפּעס איז דורכן
אַרויסגעפלויגן. דאָס איז די האָפענונג אַרויס — זיין איינציקע לע
האָפענונג...